No. 4.19

<u>ע ק ז ע ק י ו ט י ו ו א ר ד ע ר</u>

**פארזעצנדיג די דעקלעראציע פון א דיזעסטער עמערדזשענסי איבער די גאנצע סטעיט צוליב העלטקעיר שטאב מאנגלען אין ניו יארק סטעיט**

**אזוי ווי**, עס זענען דא שטאב מאנגלען אין שפיטעלער און אין אנדערע העלטקעיר אנשטאלטן און זיי זענען ערוואַרטעט ווייטער אנצוגיין;

**אזוי ווי**, ערנסטע שטאב מאנגלען אין שפיטעלער און אין אנדערע העלטקעיר אנשטאלטן זענען ערוואַרטעט צו ווייטער שטערן די מעגליכקייטן פון צושטעלן קריטישע קעיר און צו דינען שוואכערע באפעלקערונגען אויף א צופרידנשטעלנדן פארנעם;

**אזוי ווי**, עס איז דא א באלדיגע און קריטישע נויט צוצולייגן נאך שטאב מיטגלידער צו פארזיכערן אז שפיטעלער און העלטקעיר אנשטאלטן קענען צושטעלן קעיר;

**יעצט, דערפאר**, טו איך, קעטי האקול, גאווערנער פון ניו יארק סטעיט, מיט די כוח פון די אויטאריטעט וואס איז געשאנקען געווארן צו מיר דורך די ניו יארק סטעיט קאנסטיטוציע און דורך די געזעצן פון ניו יארק סטעיט, דערמיט פארלענגערן די סטעיט דיזעסטער עמערדזשענסי וואס איז אוועקגעשטעלט געווארן אין עקזעקיוטיוו ארדער 4, ווי עס איז פארלענגערט געווארן בעפאר דורך די נאכפאלגנדע אדערס, און איך טוה דערמיט פארלענגערן די טערמינען, תנאים און אפשטעלונגען וועלכע זענען אויסגערעכנט אין עקזעקיוטיוו ארדער 4 און אין די נאכפאלגנדע ארדערס, ביז אפריל 22, 2023.

א ר ו י ס ג ע ג ע ב ן אונטער מיין האנט און אונטער דעם אפיציעלן זיגל פון די סטעיט אין אלבאני סיטי אום דעם דריי און צוואנציגסטער טאג פון מערץ, אין דעם יאר צוויי טויזנט דריי און צוואנציג.

דורך די גאווערנאר

סעקרעטאר פאר די גאווערנער